# תורת יואל

גליון מס' 10

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת חיי שרה תשפ"ה

## ויספר העבד ליצחק את כל הדברים אשר עשה (כד. סו)

רש"י ז"ל ברענגט נאך פון מדרש, (בראשית רבה ס. ט"ו) גילה לו ניסים שנעשו לו, 1) **שקפצה לו הארץ**, 2) **ושנזדמנה לו רבקה בתפלתו**.

אליעזר עבד אברהם, האט דערציילט פאר יצחק אלע ניסים וואס איז געשען צו אים אויפן וועג קיין ארם נהרים, צו טרעפן א שידוך פאר יצחק, 1) אז דער וועג איז אקעגן געשפרינגען - קפיצת הדרך - 2) און אויך אז ער האט שנעל געטראפן רבקה דורך זיינע תפילות.

פרעגט דער רבי, אין פסוק שטייט <u>אשר עשה</u>, בפשטות איז טייטש וואס ער - אליעזר - האט געטוהן, און רש"י ברענגט צו א מדרש וואס שמועסט אויס די ניסים וואס הקב"ה האט געטוהן - נישט אליעזר - לויט דעם פירוש פון מדרש דארף ווען שטיין אין פסוק, <u>אשר עשה ד'</u>, ניסים וואס הקב"ה האט געטהון פאר אליעזר.

דער רבי פארענטפערט מיט א רמב"ם (הל' יסודי התורה פ"ח ה"ב) וואס שמועסט אויס די ענין פון **האמנת הנביא**, טייטש: <u>גלייבונג אין א נביא</u>, דער רמב"ם פרעגט, ווי אזוי קענען מיר גלייבן א נביא, ווען אונז ווייסן נישט צו ער איז א נביא אמת און נישט ח"ו א נביא שקר.

איז דער רמב"ם מסביר, **על ידי אותות ומופתים לבד אין להאמין בו**, ווען א נביא ווייזט וואונדער אדער א מופת, דאס איז נאכנישט קיין ראי' אז ער איז א נביא אמת, ווי אזוי דען קען מען וויסן, גיט דער רמב"ם א סימן צו קענען בודק זיין, **רק אם רואים בחכמתו ובמעשיו שנתעלה על כל בני גילו**, ווען מען זעהט זיין חכמת התורה און זיינע מעשים טובים, איז אויף א העכערע שטייגער ווי געווענליכע מענטש, א בן גילו, דענסטמאהל קען מען אים לייגן אויף די חזקה אז ער איז א אמת'דיגער נביא ד'.

ווען אליעזר האט געוואלט דערציילן פאר יצחק, די ניסים וואס ער האט געהאט אויפן וועג, האט ער חושש געווען אז יצחק וועט טראכטען אפשר איז דאס נישט מצד הקדושה, האט אליעזר געדארפט קודם דערציילן זיינע פירונגען, ווי ווייט ער איז מקושר מיט די תורה הק', און ווי שטארק זיין בטחון אין הקב"ה איז געווען אויפן גאנצען וועג, און דאס מיינט דער פסוק זאגט <u>אשר עשה</u>, נאך איבערצייגן יצחק אין זיין עהרליכקייט, האט ער דערציילט די ניסים ווי עס שטייט אין מדרש.

(תשכ"ב)

## מעשה: דער רבי - א ראש ישיבה

דער רבי האט איינגעפירט אין די ישיבה, אז אויסער די געוועגליכע לימודים פון גפ"ת און טוש"ע, האט מען אויך געלערנט **סוגיא**, במשך פון צוויי וואכן בערך, עטליכע מאל א יאר האט מען געלערנט נאר **סוגיא**, א שטייגער ווי סוגיא פון "**מתוך**" "**קנין פירות**" אדער "**מצות לאו ליהנות ניתנו**" וכדומה.

לערנען סוגיא האט געמיינט אנהייבן פון די גמרא במקורו, מיט די מפרשים ראשונים און גדולי אחרונים, בערך א וואך האט מען דורכגעאקערט אלע מראה מקומות אין ש"ס ווי די סוגיא ווערט דערמאנט, הערשט דאן איז דער רבי געקומען פארלערנען סוגיא.

פארלערנען סוגיא: דער רבי איז שנעל דורכגעגאנגען די גמרא, אלע שיטות און מהלכים אין די גמרא און מפרשים, און צוגעלייגט א געוואלד חידושים, וואס האט פארמירט די היינט באקאנטע **חידושי סוגיות**.

ביים סוף פון די סוגיא-וואך, האט מען זיך געשטעלט צום פארהער, וואס ביים רבי'ן איז דאס געווען א אינטעגראלער חלק אין הנהגת הישיבה.

אין לויף פון די יארן איז אויסגעקומען א מציאות, אז מען האט איבער געלערנט א סוגיא וואס מען האט שוין געלערנט עטליכע יאר פריער, אין חוץ די געוועגליכע מפרשים, האט מען אויך געלערנט דעם רבי'נס חידושים וואס ער האט מחדש געווען ביים סוגיא פארלערנען דאס פריעדיגע מאל, און ביים פארהער האט דער רבי געהאט א געוואלדיגע קורת הנאה ווען א בחור האט נאכגעזאגט א חידוש פון רבי'ן.

פארציילט הרה"ח ר' אברהם יעקב בערקאוויטש הי"ו, שטייענדיג ביים סוגיא פארהער, האט א בחור בעפאר אים איבערגעזאגט א קשיא וואס דער רבי פרעגט אויף די סוגיא, אין דער רבי גיט א פרעג ר' א.י. נו: וואס האב איך געענטפערט, ר' א.י. דערציילט עס האט עם געכאפט א שרעק אז ער האט נישט געקענט עפענען דאס מויל, הרב נתן יוסף מייזעלס ז"ל - מנהל הישיבה - האט געוואלט אונטערזאגן, ווי עס איז געווען דער שטייגער, דער רבי לאזט נישט און רופט זיך אן **ער ווייסט ער ווייסט**, ווי נאר דער רבי האט דאס געזאגט, דערציילט ר' א.י. האט אים באנומען א רואיגקייט און גענומען זאגן דעם רבי'ן'ס תירוץ מיט א פעסטקייט, פון וואס דער רבי האט געהאט א געוואלדיגע הנאה, און דער רבי דרייט זיך אויס צו ר' נתן יוסף מיט א בליץ אין די אויגן, **איך האב דיר געזאגט אז ער ווייסט**.

**זכותו יגן עלינו**

## מנהג:

| | |
|---|---|
| מנהג | חסידישע אידן זענען מהדר צו נוצן בלויז א טערקישע טלית, דאס הייסט אז די וואל קומט פון טערקיי. |
| טעמו | |
| ומקורו | |

**הטעם:** ווערט געברענגט פון הייליגן בעלזער רב - שר שלום - בשעת חורבן הבית האבן זיך די שרי מעלה צוטיילט מיט די פלאנצונגען פון ארץ ישראל, דער שר פון מדינת טורקי האט גענומען די וואל, וועגן דעם זענען די טערקישע די בעסטע וואל. פון הייליגן קאמארנער (היכל הברכה - שלח) שטייט, אז דער שר של פשתן איז נישט שולט אין טערקיי, און זייערע וואל איז נקי מחשש שעטנז

**הגליון נתנדב לע"נ האשה החשובה מרת שרה רבקה ז"ל בת ר' יעקב יוחנן הי"ו • היארצייט כ"א מרחשון**

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com